**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פייערליכע עפענונג פון נייע שטיצנדע און עמערדזשענסי האוזינג דעוועלאפמענט מיט 37 יוּניטס אין סקענעקטעדי**

***Cara House שטעלט צו עמערדזשענסי וואוינונגען און פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט***

***'עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו' שטעלט צו רענט און סערוויסעס סאָבסידיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון 37 יוּניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע און עמערדזשענסי האוזינג אין סקענעקטעדי צו העלפן אדרעסירן היימלאזיגקייט. אנגעפירט דורך Bethesda House of Schenectady, Inc., רעכנט Cara House אריין 26 יוּניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג און 16 בעטן אין עמערדזשענסי האוזינג וואס זענען געבויט געווארן אלס טייל פון די 8.5 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט.

"צו קענען ערפאלגרייך אדרעסירן היימלאזיגקייט פארלאנגט זיך א פילפאכיגע צוגאנג וואס צענטרירט זיך אויף דאס בויען מער אפאָרדעבעל און שטיצנדע האוזינג און פארבעסערן צוגעשטעלטע סערוויסעס וואס העלפן ניו יארקער אדרעסירן די פראבלעמען וואס ליגן ביים שורש וואס האבן מעגליך בייגעשטייערט צו דעם אז זיי זענען אריבער היימלאזיגקייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט פארקערפערט די צוגאנג דורכן צושטעלן גאר-נויטיגע עמערדזשענסי און פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג יוּניטס פאר סקענעקטעדי קאונטי און גרינגע צוטריט צו שטיצנדע סערוויסעס."

Cara House ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די ניי-געבויטע דריי-שטאקיגע געביידע רעכנט אריין 11 יוּניטס און 16 בעטן פון עמערדזשענסי האוזינג פאר היימלאזע ערוואקסענע, און אזוי אויך 26 יוּניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן וועלכע זענען אריבער כראנישע היימלאזיגקייט אדער וועלכע גייען צוריק אריין אין די קאמיוניטי נאכן זיצן אין טורמע.

פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט רעכנט אריין 6.4 מיליאן דאלאר פון די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף'ס (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA) 'היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם' (Homeless Housing and Assistance Program). אין צוגאב, האט די פעדעראלע היים הלוואות באנק (Federal Home Loan Bank) פון ניו יארק צוגעשטעלט 1 מיליאן דאלאר, און ביישטייערונגען זענען געמאכט געווארן דורך סקענעקטעדי קאונטי, די סיטי אָוו

סקענעקטעדי, די Wright Family Foundation, די Neil & Jane, William & Estelle Golub Family Foundation, די Schenectady Foundation, די Carlilian Foundation און די Arnold Cogswell Health Care Fund.

די פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס וועט צוגעשטעלט ווערן דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) פון די OTDA.

דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם שטעלט צו אינפראסטרוקורישע גרענטס און הלוואות פאר וואוילטעטיגע קארפארעישענס, וואוילטעטיגע און רעליגיעזע ארגאניזאציעס און לאקאלע רעגירונגען צו קענען איינקויפן, אויפבויען אדער איבערבויען הייזער פאר מענטשן וועלכע קענען זיך נישט פארשאפן פאסיגע האוזינג אן ספעציעלע הילף. די גרענטס ווערן געגעבן דורך א קאמפעטישן צוגאנג דורך די ניו יארק סטעיט היימלאזע דירות און הילפס קארפארעישן, א פובלק בענעפיטן קארפארעישן מיט שטאב דורך די OTDA.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארא סי. גווין, האט געזאגט,** "Cara House ברענגט גאר-נויטיגע שטיצנדע האוזינג, און אזוי אויך עמערדזשענסי שעלטער בעטן, פאר די וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט אדער וועלכע קערן זיך צוריק צו די קאמיוניטי נאכן זיצן אין טורמע. א דאנק די ארבעט פון Bethesda House, וועלן די מענטשן וואס וואוינען דא נישט נאר האבן זיכערע און סטאבילע האוזינג נאר אויך א געלעגנהייט צו צוריק אויפבויען זייערע לעבנס און בליהען אלס טייל פון די קאמיוניטי."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר זיך אנצושליסן מיט די געטרייע שתדלנים ביי Bethesda House ביים פייערן די עפענונג פון זייער נייעסטע אונטערנעמונג: Cara House. Bethesda House'ס שטיצע פאר די קאמיוניטי און אירע מערסט עמפינדליכע בירגער דורכן צושטעלן האוזינג, עמערדזשענסי און קריזיס סערוויסעס, קעיס מענעדזשמענט און סאָושעל ווארק איז שוין פון לאנג א מוסטער פאר אונז אלע. יעצט מיט די עפענונג פון Cara House, וועט די וויכטיגע קאמיוניטי ארגאניזאציע קענען צושטעלן נאך אפילו מער קריטישע סערוויסעס, אריינרעכנענדיג עמערדזשענסי האוזינג, פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג און מעדיצינישע רעספיט בעטן. איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן דעם פראיעקט וואס וועט פאראויס שטופן Bethesda House'ס מיסיע צו בויען א מער גערעכטע, ווארעמע און אריינגעמענדע קאמיוניטי, און איך בין אזוי פרייליך צו זעהן זייער חזון ווערנדיג פארווירקליכט."

**סענאטאר דזשים טעדיסקאָו האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר הויבן אן טענקסגיווינג און דעם האלידעי סעזאן, טראכטן מיר אפט איבער די מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי וועלכע האבן שוועריגקייטן און נויטיגן זיך אין א שטיצנדע האנט. די נייע שטיצנדע און עמערדזשענסי האוזינג יוניטס וועלן העלפן מער מענטשן געפונען א פלאץ צו פאררופן זייער היים, און עס וועט צושטעלן עמערדזשענסי שעלטער, א זאך וואס איז באזונדערס וויכטיג אזוי ווי מיר לאזן זיך אריין אין די קאלטע ווינטער חודשים. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף פאר זייער שטיצע פאר דעם פראיעקט אין די 44'סטע סענאט דיסטריקט."

**אסעמבלי מיטגליד ענדזשעלאָו סענטבאַרבארע האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיך צו פייערן די פארענדיגונג פון Cara House — א סימבאל פון האפענונג פאר סקענעקטעדי'ס היימלאזע קאמיוניטי. די דורכברעכנדע איניציאטיוו, אריינגעמנדיג שטיצנדע און עמערדזשענסי האוזינג, שטרייכט אונטער אונזער איבערגעגעבנקייט צו אוועקשטעלן אפאָרדעבעל היימער באגלייט מיט וויכטיגע סערוויסעס פאר אונזערע מערסט עמפינדליכע באפעלקערונגען. Cara House שטייט אלס באווייז פון אונזערע

געמיינזאמע אונטערנעמונגען און די שותפות'ן וואס טרייבן אריין סקענעקטעדי צו א לעכטיגערע צוקונפט. צוזאמען טוהען מיר נישט בלויז בויען היימער, נאר מיר פארעמען אויס צוקונפטן."

**סקענעקטעדי מעיאר גערי מעקארטי האט געזאגט,** "Cara House איז א הויפט ביישטייערער צו די אנגייענדע אנטוויקלונג אין אונזער שטאט. די נייע איינריכטונג וועט ערלויבן זיכערע און אנשטענדיגע האוזינג פרא א עמפינדליכע חלק פון אונזער באפעלקערונג. איך באדאנק די Bethesda House אדמיניסטראציע פאר זייער ארבעט צו צוזאמשטעלן די פינאנצירונג צו מאכן דעם 8.5 מיליאן דאלארדיגן פראיעקט פאר א מעגליכקייט."

**פעדעראלע היים הלוואות באנק פון ניו יארק פרעזידענט און CEO, האָוזעי ר. גאנזאלעז, האט געזאגט,** "ביי די פעדעראלע היים הלוואות באנק פון ניו יארק, ווייסן מיר אז א סטאבילע און שטיצנדע היים איז די יסוד פון וואו קאמיוניטיס וואקסן ארויס און בליהען. Cara House וועט צושטעלן די יסוד, פארזעצנדיג די וויכטיגע ארבעט וואס Bethesda House טוט צו האבן א פאזיטיווע השפעה אויף די לעבנס פון אזויפיל מענטשן אריבער סקענעקטעדי."

**Bethesda House עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קימארי שעפערד, האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון אונזער וואוינונגען פראגראם איז עדות איבער די סטעיט און לאקאלע רעגירונג אגענטורן זיך צוזאמקומענדיג צוזאמען מיט פריוואטע פאונדעישענס און נדבנים וועלכע פארשטייען און שטיצן די צווייפלהאפטיגע נויט פאר אפאָרדעבעל האוזינג. איך בין באזונדערס דערפרייען דורך גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ביים שטופן פאר- און פינאנצירן נייע האוזינג צו ברענגען א שטאפל פון כבוד און זיכערהייט פאר סקענעקטעדי'ס מערסט וואקלדיגע מענטשן. מיט 26 נייע שטיצנדע האוזינג יוניטס און 16 עמערדזשענסי שעלטער בעטן זיך עפענענדיג, זעצט Bethesda House of Schenectady פאר צו צושטעלן קריטישע און אנהאלטנדע הילף פאר די קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן